ספרי׳ — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# דבר מלכות

## קונטרס

# שלח נא ביד תשלח

## לרגל כינוס השלוחים העולמי

•

מכבוד קדושת

## אדמו״ר מלך המשיח מנחם מענדל שליט״א

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פּאַרקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים ושלש לבריאה

**שנת הקהל**

מאה ועשרים שנה לכ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

בס״ד.

# פתח דבר

לקראת מלאת י״ד שנה ליום הבהיר ראש חודש כסלו (תשל״ח – תשנ״ב) – הננו מוציאים לאור קונטרס „שלח נא ביד תשלח״*, משיחות כ״ק אדמו״ר שליט״א בהתוועדות דשבת פ׳ חיי שרה, כ״ה מרחשון, מברכים החודש כסלו שנה זו – לרגל „כינוס השלוחים העולמי״. ובה מבאר מטרת הכינוס ותפקיד השלוחים בדורנו ובזמננו זה – „להביא לימות המשיח״, לקבל פני משיח צדקנו, „שלח נא ביד תשלח״.

## מערכת „אוצר החסידים״

ער״ח כסלו ה׳תשנ״ב (**ה**י׳ **ת**הא **ש**נת **נ**פלאות **ב**כל)
שנת הצדי״ק לכ״ק אדמו״ר שליט״א
ברוקלין, נ.י.

*) להעיר מהרמז ב„יד תשלח״. וגם במספר השנה – תשנ״ב ר״ת „שלח נא ביד תשלח״.

# משיחות ש"פ חיי שרה, כ"ה מר־חשון, מבה"ח כסלו, ה'תשנ"ב

**– פתיחת כינוס השלוחים העולמי –**

**א. שטייענדיק באַ דער התחלה און פתיחה פון דעם כינוס השלוחים העולמי – פון די שלוחים שי' פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, בכל מרחבי תבל, בארבע כנפות הארץ – דאַרף מען צום אַלעם ערשטן דערמאָנען דעם יסוד און אַרויסגעבן דעם תפקיד פון די שלוחים בדורנו זה בכלל, ובמיוחד – דער חידוש אין דער עבודת השליחות וואָס איז צוגעקומען במיוחד בזמן האחרון:** לקבל פני משיח צדקנו בגאולה האמיתית והשלימה.

**כמדובר כמ"פ, אַז נוסף צו דער נקודה משותפת אין כללות עבודת ה־שליחות פון אידן בכלל אַלס שלוחים פון דעם אויבערשטן, וואָס איז „אני נבראתי לשמש את קוני"**[1]**, ובפרט פון די שלוחים פון נשיא דורנו – אַ נקודה משותפת וואָס איז גלייך בכל הזמנים – קומט צו מזמן לזמן אַ חידוש אין דער שליחות, אַ שליחות מיוחדת, וואָס זי נעמט דורך און איז דער „שער"**[2]** דורך וועלכען אַלע עניני השליחות זיינען „עולה"; ועאכו"כ בנדו"ד – אַ חידוש כללי ועיקרי וואָס איז ניט בלויז נאָך אַ פרט (אָדער אַ כלל) אין דער שליחות, נאָר אַן עיקר און אַן ענין כללי ביותר, ביז דעם ענין הכי כללי אין אידישקייט – הכנה לביאת משיח צדקנו – וואָס נעמט אַרום אַלע נקודות ופרטים פון דער עבודת השליחות.**

**ווי מ'האָט שוין גערעדט מערערע מאָל (ובפרט אין די לעצטע חדשים און וואָכן): לויט דער הודעה פון חז"ל**[3]** אַז ס'איז שוין „כלו כל הקיצין", און די הודעה פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, אַז מ'האָט שוין אויך תשובה געטאָן, ביז אַז מ'האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני עבודה (אפילו „צופּוצן די קנעפּ"**[4]**), און מ'שטייט גרייט צו קבלת פני משיח צדקנו – איז איצטער די עבו־דה און שליחות: צו זיין גרייט בפועל צו מקבל זיין פני משיח צדקנו** בפועל ממש!

**דערפון איז מובן, אַז אין דעם באַ־שטייט די מטרה פון דעם היינטיקן כי־נוס השלוחים העולמי: צו זיך צוזאַ־מענרעדן און אַרויסקומען מיט החלטות טובות על מנת לקיימן בפועל, ווי צו אויספירן די שליחות מיוחדת פון דעם איצטיקן זמן: קבלת פני משיח צדקנו.**

**ב. דער ביאור השייכות פון דער עבודת השליחות (פון די שלוחים וועל־כע האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אין דעם כינוס השלוחים העולמי) מיט משיח צדקנו – וועט מען פאַרשטיין דורך אויפקלערן די שייכות פון משיח עצמו מיט ענין וגדר השליחות בכלל:**

**אויף דעם פסוק**[5]** „שלח נא ביד תשלח" (וואָס משה האָט געזאָגט דעם אויבערשטן ווען דער אויבערשטער**

---

1) משנה ובריייתא סוף קידושין.

2) ראה סה"ש קיץ ה'ש"ת ע' 22. וש"נ. תש"ד ע' 105. לקו"ד ח"ד תשמז, ב. (וראה סה"מ תש"ח ע' 240).

3) סנהדרין צז, ב.

4) ראה שיחת שמח"ת תרפ"ט.

5) שמות ד, יג.

האָט איִם געשיקט צו אַרויסנעמען אידן פון מצרים) זאָגן חז״ל[6]: „אמר (משה) לפניו רבש״ע שלח נא ביד תשלח — ביד משיח שהוא עתיד לגלות״. ועפ״ז יש לומר, אַז משיח האָט אין זיך דעם גדר פון אַ שליח ע״פ תורה. משיח איז דער שליח („שלח . . תשלח״) של הקב״ה צו גואל זיין אידן[7].

דער טעם בפשטות פאַרוואָס משה האָט דאָס געבעטן, איז, כפרש״י עה״פ: „ביד אחר שתרצה לשלוח שאין סופי להכניסם לארץ ולהיות גואלם לעתיד, יש לך שלוחים הרבה״: וויבאַלד אַז בלאו־הכי וועט דער אויבערשטער ניט שיקן משה׳ן „להכניסם לארץ ולהיות גואלם לעתיד״, נאָר ער וועט שיקן אַן אַנדער שליח (משיח), איז זאָל ער שיקן משיח׳ן צו גואל זיין אידן אויך פון מצרים.

מ׳דאַרף אָבער פאַרשטיין: משה האָט דאָך זיכער פאַרשטאַנען — ובפרט אַז ער איז געווען שלימות החכמה דקדושה[8] (ו„משה קיבל תורה מסיני״[9]) — אַז דער אויבערשטער האָט אַליין געוואוסט אַז ער וועט שיקן משיח׳ן (און ניט משה) צו גואל זיין אידן לעתיד, און פונדעסטוועגן האָט ער אויסגעקליבן משה׳ן אַלס שליח צו גואל זיין אידן פון מצרים: איז וואָס האָט ער געבעטן „שלח נא ביד תשלח״?!

ולאידך גיסא: וויבאַלד אַז משה (חכמה דקדושה) האָט אַזוי געבעטן און מציע געווען, איז פאַרשטאַנדיק אַז דאָס איז אַזוי ע״פ חכמה דקדושה בתכלית השלימות שלה; איז פאַרוואָס איז בקשתו ניט נתקבל געוואָרן?

ויש לומר, אַז היא הנותנת: וויבאַלד אַז דאָס איז אַ בקשה והצעה פון משה רבינו (און אַראָפּגעבראַכט אין תורת אמת ותורה הנצחית[10]), איז דאָס טאַקע נתקיים געוואָרן בפועל — אַז דעם זעלבן שליח וועלכער דער אויבער־שטער שיקט צו גואל זיין אידן ממצרים (משה) וועט ער שיקן צו גואל זיין אידן לעתיד — ווי עס שטייט אין מדרש[11], אַז משה „הוא גואל ראשון (בגאולת מצרים) הוא גואל אחרון״ (בגאולה העתידה).

און דאָס איז געווען כוונת משה מיט בעטן „שלח נא ביד תשלח״ (אע״פ וואָס ער האָט געוואוסט אַז דער אויבער־שטער ווייס אַז ער וועט שפּעטער שיקן משיח) — צו פאַרבינדן דעם „גואל ראשון״ מיט דעם „גואל אחרון״, אַז אויך די גאולה ראשונה (ממצרים) זאָל זיין פאַרבונדן מיט „ביד תשלח״ (משיח), און אויך די גאולה האחרונה זאָל זיין פאַר־בונדן מיט משה׳ן („גואל ראשון״).

דאָס הייסט, אַז[12] אע״פ וואָס משה און משיח זיינען צוויי באַזונדערע מענטשן (ומשה איז פון שבט לוי און משיח איז פון שבט יהודה (בית דוד)) און באַדייטן צוויי באַזונדערע ענינים, ווערן זיי פאַרבונדן און פאַראייניקט, כדלקמן (סעיף ט).

---

6) מדרש לקח טוב עה״פ. וראה פדר״א פ״מ: ביד אותו איש שאתה עתיד לשלוח כו׳ שנאמר הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא גו׳ (מבשר הגאולה). וראה לקו״ש חי״א ע׳ 8 הערה 3־2.

7) דאף שבקשת משה לא נתקבלה בפועל (אבל ראה לקמן בפנים), אין זה שולל דברי משה שמשיח הוא שליח לגאול ישראל לעתיד.

8) ראה לקו״ש ח״ו ע׳ 244 ואילך. וש״נ.

9) אבות פ״א מ״א.

10) ראה תניא רפי״ז. ובכ״מ.

11) ראה שמו״ר פ״ב, ד. שם, ו. זח״א רנג, א. ש׳ הפסוקים פ׳ ויחי. תו״א משפטים עה, ב.

12) ראה גם אוה״ח ויחי מט, יא. לקו״ש חי״א שם.

**ג. וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים הביאור בכללות גדר השליחות בתורה, אָנהויבנדיק פון דער** ערשטער **שליחות וועגן וועלכער עס רעדט זיך אין תורה (ובאריכות הפרטים)**[13] בפרשתנו[14] **— די שליחות וואָס אברהם האָט געשיקט אליעזר'ן צו געפינען און מאַכן און טאָן אַ שידוך פאַר יצחק בנו, און ווי ער האָט דערנאָך אויסגעפירט שליחותו בפועל — בשידוך יצחק ורבקה.**

**ויש מקום לחקור וואָס איז געווען דער גדר ודין פון (שליחות) אליעזר ב־קיום דברי אברהם אליו**[15] **„ולקחת אשה לבני ליצחק"**[16]**. וואָס יש לפרש בזה אויף כמה אופנים, ומהם**[17]**: (א) „אליעזר** שליח **הי'" לקידושין**[18] **(ווי עס שטייט**

13) ראה גם שיחת ש"פ חיי שרה תשמ"ט (סה"ש ח"א ע' 58 ואילך). תש"נ (סה"ש ח"א ע' 130 ואילך).

14) כד, ב ואילך.

15) שם, ד.

16) וראה פנים יפות וס' המקנה שבהערה 18, שאברהם שלח את אליעזר בתור שליחו של יצחק שהי' גדול (וראה קידושין מה, ב). ואף לדעת הפוסקים (רמ"א אה"ע סל"ה ס"ו בשם הגהות מרדכי) דאין שליח קידושין עושה שליח, הרי זה: (א) רק לדיעה אחת ותקנה בעלמא. וצ"ע אם כן הוא (אצל האבות) לפני מ"ת. (ב) אליעזר הי' עבדו של אברהם שהוא כגופו (ולא כמו שליח), ומצד זה הי' יכול לקדש רבקה, ראה מפרשים שבהערה 18.

17) הבא לקמן הוא ע"פ פירוש התוס' שבהערה 19, ופירוש המדרשים ומפרשי התורה — שאליעזר קידש את רבקה ליצחק, והיא נעשית ארוסה* (מדרש אגדה עה"פ (פרשתנו שם, כב) ויקח האיש נזם זהב. לקח טוב עה"פ (שם, נג) ויוצא העבד. תוס' (הדר זקנים) עה"פ (שם, יו"ד) ויקח העבד עשרה גמלים), או גם נשואה (ראה פדר"א פט"ז וברד"ל אות לה. ספורנו עה"פ (שם, סא) ויקח העבד את רבקה. ועוד).

[ולפי פירוש זה — יש לומר, דזה שאליעזר שם „שני צמידים על ידי'" (שם, כב), הוא בהתאם להמנהג** לקדש בטבעת***. וראה מדרש אגדה שם, ש„נזם זהב — הוא הי' קידושין, ושני צמידים על ידי' שהם מאתים וחמשים, המאתים כנגד כתובת בתולות והחמשים תוספת"].

אבל בכמה מדרשים ומפרשים משמע שלא קידשה אלא הביאה ליצחק ורק אח"כ נתקדשה לו (ראה פדר"א שם לדעת ר"י. וראה לקו"ש חט"ו ע' 165 הערה 22; ע' 168 הערה 33).

18) ואף שאליעזר הי' עבד, ואין עבד נעשה שליח לקידושין לפי שאינו בתורת גיטין וקידושין (רמב"ם הל' אישות פ"ג הי"ז. טושו"ע אהע"ז סל"ה ס"ו) — י"ל בפשטות, שלפני מ"ת הי' אפשר למנות גם עבד לשליח (כיון שלא הי' אז „תורת קידושין", ראה רמב"ם ריש הל' אישות). ובמנחה בלולה ופי' מהרי"א עה"ת פרשתנו שם ועוד, שאברהם שיחרר אליעזר ולכן נעשה שליח לקידושין.

עוד ביאור בזה — בפנים יפות פרשתנו שם, ב; המקנה לקידושין מא, ב [ושם, שדין הנ"ל שאין עבד נעשה שליח לקידושין הוא רק בנוגע לאדם אחר אבל עבדו של המקדש שאני ויכול לקדש ע"י עבדו לא מתורת שליחות אלא דהוי כגופו, ד„יד עבד כיד רבו" (ב"מ צו, סע"א. וש"נ)]. וראה עד"ז ברד"ל לפדר"א פט"ז אות לב בהג"ה (ו). ועוד.

*) ראה בתוס' הנ"ל שבמסכת כלה (רפ"א) דמייתי קרא דויברכו את רבקה (פרשתנו שם, ס) איכא למימר דהתם ברכת אירוסין (אבל ראה הערה 24).

**) רמ"א אה"ע ר"ס כז (ושם: „ויש להם טעם בתיקוני זהר", ראה תקו"ז ריש תיקון ה' (יט, א). תי' י' (כה, ריש ע"ב). תי' כא (נה, ב)). חינוך מצוה תקנב (וראה בס' אוצר חילוף מנהגים בין בני בבל לבני א"י (הובא גם ביש"ש ב"ק בסופה) דמנהג א"י לקדש בטבעת משא"כ בבבל). — הביאור בזה ע"פ הלכה, ראה צפע"נ לרמב"ם הל' אישות רפ"ג. ס' המקנה סי' נ ס"א (הובא בשער הכולל פל"ה אות ג). — וראה בארוכה שיחת ש"פ בלק תשד"מ.

***) ועי"ד מה שמצינו ביהודה ותמר — שנתן לה חותמו (וישב לח, יח) „וקדשה בטבעת" (דעת זקנים מבעה"ת עה"פ. וכ"ה בתוספות — הדר זקנים. מושב זקנים עה"ת. וראה לקו"ש חט"ו ע' 337 ואילך).

אין תוספות[19]), וואָס „שלוחו[20] של אדם כמותו"[21]. [און אויך אין דעם גדר פון שליח עצמו זיינען פאַראַן כמה דרגות, כידוע[22]: מעשה השליח איז כמעשה המשלח; יתרה מזה אויך דער כח העשי' של השליח איז כמותו דהמשלח; ועוד יותר – דער גאַנצער שליח איז כמותו דהמשלח; ביז „כמותו (דהמשלח) ממש"[23]]. (ב) אליעזר איז געווען בגדר שדכן, צו געפינען אַן אשה פאַר יצחק'ן (ניט בתור שליח לקידושין[24]), אָדער אפילו אַ שדכן צו איר מקדש זיין – וואָס הגם אַז אויך אַ שדכן האָט בכח צו מקדש זיין[25], איז דאָס אָבער ניט דער זעלבער כח ווי אַ שליח וועלכער איז „כמותו" דהמשלח, משא"כ בנוגע צו אַ שדכן זאָגט מען ניט[26] אַז שדכן של אדם כמותו, ואדרבה – אַ שדכן איז בפירוש ניט כמותו, נאָר ווי אַ באַזונדער מענטש וואָס טוט יענעם אַ טובה (ווי מ'זעט עס במנהג העולם).

עס איז דאָ אַ סברא צו זאָגן, אַז אליעזר איז ניט געווען ווי אַ שליח של אברהם שהוא כמותו, נאָר ווי אַ באַזונ־דער מציאות (אַזוי ווי אַ שדכן) – ווי ס'איז משמע פון דעם וואָס (בענין ה־שידוך של יצחק גופא) אליעזר „הי'[27] מחזר למצוא עילה שיאמר לו לאברהם לפנות אליו להשיאו בתו, אמר לו אברהם בני ברוך ואתה ארור ואין ארור מדבק[28] בברוך"[29]. [ובפרט אַז אין דעם סיפור הדברים איז מודגש ובאריכות ווי אליעזר האָט אַליין זיך געדאַרפט משת־דל זיין צו געפינען דעם פּאַסיקן שידוך פאַר יצחק: אליעזר האָט געדאַרפט אַליין מתפלל זיין לה', און אַליין מברר זיין און מאַכן אויף דעם אַ סימן (און דערצו נאָך באופן נסי), וואָרום אברהם האָט אים נאָר געזאָגט[30] „לא תקח אשה לבני מבנות הכנעני גו' אל ארצי ואל מולדתי תלך", און ניט מפרט געווען וועמען ער זאָל מקדש זיין] – במילא איז דאָ אַן אָרט אַז אין דעם זאָלן זיך אַריינמישן אייגענע חשבונות כו'.

אָבער לאידך גיסא, איז דאָך אליעזר

---

19) ד"ה שנאמר – כתובות ז, ב.

20) משנה ברכות לד, ב. קידושין מא, ב. וש"נ.

21) ואף שענין השליחות שייך דוקא בישראל, „מה אתם בני ברית אף שלוחכם בני ברית" (קידושין שם. וש"נ) – י"ל שקודם מ"ת הי' שייך שליחות גם באוה"ע ועי' אוה"ע (ובנדו"ד – שליחות אברהם ע"י אליעזר), ובפרט שאליעזר הי' „זקן ביתו המושל בכל אשר לו", „דולה ומשקה מתורת רבו" (כדלקמן בפנים). ועוד ועיקר – שאליעזר הי' עבדו של אברהם, שהוא כגופו (וראה הערה 18).

22) ראה לקח טוב (להר"י ענגיל) כלל א. וראה שו"ע אדה"ז או"ח סרס"ג סכ"ה בקו"א. וראה לקו"ש ח"ח ע' 323 ואילך. חי"ב ע' 148 ואילך. ח"כ ע' 303. סה"ש תש"נ ח"א ע' 133 ואילך. סה"ש תנש"א ח"א ע' 152.

23) כ"ה הלשון בתשובות הריב"ש סרכ"ח. לקו"ת ויקרא א, ג.

24) כדמשמע גם לפי מה שמסיים בתוס' כתובות שם ש„נראה דאסמכתא בעלמא היא כו' ולא איירי פשטי' דקרא בברכת אירוסין" (וכן מפורש במס' כלה רבתי פ"א).

25) ראה שו"ע אה"ע שם ס"ד.

26) וראה שו"ע שם „אפילו לא מינוהו שליח בהדיא אלא שגילה דעתו שהוא חפץ באשה פלונית וא"ל לשדכה לו והלך השדכן וקדשה לו בלא מינוי שליחות הרי זו מקודשת".

27) רש"י פרשתנו כד, לט, מב"ר שם פנ"ט, ט. יל"ש הושע רמז יב.

28) דענין הנישואין הוא ש„דבק באשתו והיו לבשר אחד" (בראשית ב, כד), שדוגמתו בענין השליחות – „שלוחו של אדם כמותו (ממש)".

29) ולהעיר גם מטענת אברהם (לך לך טו, ב־ג): „מה תתן לי ואנכי הולך ערירי ובן משק ביתי הוא דמשק אליעזר גו', הן לי לא נתתה זרע והנה בן ביתי יורש אותי" (לא למעליותא).

30) פרשתנו שם, ג־ד.

געווען „זקן ביתו המושל בכל אשר לו"[31], „שמושל בתורת רבו"[32], און „דולה ומשקה מתורתו של רבו לאחרים"[33], און „עבד אברהם"[34], וואָס „עבד מלך מלך"[35] וכו'. און אויך אין קיום דברי אברהם „ולקחת אשה לבני ליצחק" — האָט אליעזר דאָס אַלץ מקיים געווען בדיוק כדברי אברהם. און נאָכמער — אברהם האָט אים משביע געווען אויף דעם („שים נא ידך תחת ירכי ואשביעך גו'"[14]). וואָס צוליב דעם — ועוד טעמים — איז מסתבר זאָגן אַז ער איז געווען אַ שליח (של אדם כמותו) לקדש את רבקה.

ויש לומר, אַז דאָס (אַז אליעזר איז געווען אַ שליח) איז מובן אויך פון דעם וואָס עס שטייט[36] „ויקח העבד עשרה גמלים מגמלי אדוניו וילך וכל טוב אדוניו בידו", ווי מפרשים טייטשן[37], אַז אליעזר האָט געהאַט ברשותו („בידו") „כל טוב אדוניו" און האָט דערמיט געקענט טאָן וואָס ער וויל (און האָט אויף דעם ניט געדאַרפט קיין נתינת רשות), ווי עס שטייט פריער „המושל בכל אשר לו".

[און אפילו לויט דעם פירוש (ווי רש"י ברענגט[38]), אַז „שטר מתנה כתב ליצחק על כל אשר לו כדי שיקפצו לשלוח לו בתם" — האָט אברהם אָפּגעגעבן דעם שטר מתנה ברשותו של אליעזר, באופן אַז ער האָט דעם כח דאָס צורייסן וכיו"ב, אַזוי אַז „כל אשר לו" פון אברהם איז געווען ברשות אליעזר].

דלכאורה: ווי האָט אברהם געקענט אָפּגעגבן „כל אשר לו" צו איינעם[39] אויף וועמען ס'קען זיין אַ ספק וואָס ער וועט דערמיט טאָן[40]?! איז דערפון מוכח, אַז אליעזר איז געווען אינגאַנצן איבערגעגעבן צו אברהם'ן (אַלס זיינער אַן עבד), ולכן אויך ווען ער האָט אים געשיקט מאַכן דעם שידוך פאַר יצחק'ן — איז ער געווען (ניט ווי אַ שדכן, וואָס איז אַ מציאות לעצמו, נאָר) ווי אַ שליח, וואָס כל מציאותו איז מציאות המשלח. און דעריבער האָט אברהם געקענט לאָזן ברשותו „כל אשר לו" בלי שום ספק בדבר[41].

ד. דער ביאור אין דעם וועט מען פאַרשטיין בהקדים נאָך אַ שאלה — אַ

(31) שם, ב.

(32) יומא כח, ב.

(33) שם. הובא בפרש"י לך לך טו, ב.

(34) וכפי שפתח (כפתיחת דבר סגור) אליעזר את דבריו בבואו לבית רבקה — „עבד אברהם אנכי" (פרשתנו שם, לד).

(35) תנחומא צו יג (הובא בפרש"י בהעלותך יב, ח). ספרי (הובא בפרש"י) דברים א, ז. ב"ר פט"ז, ג. — ובשבועות מז, ב: עבד מלך כמלך.

(36) פרשתנו שם, יו"ד.

(37) רמב"ן. ספורנו. חזקוני. ועוד.

(38) עה"פ, מב"ר שם פנ"ט, יא („זו דיאתיקי"). וראה תו"ש עה"פ (אות עב). וש"נ.

(39) ראה רא"ם כאן: לא יתכן לומר שנתן ממונו לרשותו של אליעזר (ומבאר שזהו הכרחו של רש"י לפרש שטר מתנה כתב ליצחק כו').

(40) ובפרט לפי הביאור (לעיל הערה 18), שאברהם שיחרר את אליעזר לשלחו לקחת אשה ליצחק, אשר עי"ז בכחו לעשות עם כל נכסי אברהם כפי שיעלה ברצונו (משא"כ לפני זה כשנאמר „המושל בכל אשר לו" הי' עבדו, שהוא כגופו ומה שקנה עבד קנה רבו (פסחים פח, ב. קידושין כג, א)).

(41) באגדת בראשית פמ"ה [מו] (ועד"ז הוא בתנחומא (באבער) ויצא ג): מהו המושל . . שהשליטו על כל מה שיש לו, ואמר לו אפילו אתה מאבד מה שיש לי — וקח אשה לבני משם, מיד ויקח העבד עשרה וגו'. אבל גם זה הוא (לא איבוד סתם לטובתו וכיו"ב, כ"א) רק בשליחותו של אברהם — בכדי לקחת אשה ליצחק.

„קלאָץ קשיא" — אויף דעם וואָס „שטר מתנה כתב ליצחק על כל אשר לו כדי שיקפצו לשלוח לו בתם":

אפילו בנוגע צו מצות צדקה (וכיו"ב) איז דער דין[42] אַז „לעולם לא יקדיש אדם ולא יחרים כל נכסיו, והעושה כן עובר על דעת הכתוב, שהרי הוא אומר[43] מכל אשר לו ולא כל אשר לו כו'". איז ווי קומט עס אַז אברהם האָט אָפּגעגעבן „כל אשר לו" צו יצחק'ן[44] (אפילו אויב ער וואָלט דאָס אים דאַן אָפּגעגעבן בירושה[45], וואָלט דאָס אויך ניט געווען מובן[46], עאכו"כ אַז דאָס איז געווען „כדי שיקפצו לשלוח לו בתם", ובפרט אַז אפילו אויב ער וואָלט ניט אָפּגעגעבן „כל", נאָר רוב, איז זייענדיק אַן עשיר גדול ביותר וואָלט דאָס אויך געבראַכט אַז „יקפצו לשלוח לו בתם"). ובפרט אַז אברהם איז דאַן געווען ק"מ שנה, און האָט דערנאָך געלעבט נאָך כו"כ שנים (ל"ה שנה), במילא האָט ער דאָך געדאַרפט האָבן נכסים פאַר זיך אַליין און בני ביתו כו' (ובפרט לאחרי וואָס „ויוסף אברהם ויקח אשה גו' ותלד לו גו'"[47]).

בפנימיות הענינים וואָלט מען געקענט מבאר זיין ע"פ מש"נ[48] „יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק", ואמרו חז"ל[49] קלסתר פניו של יצחק דומה לאברהם, ווייל אויך בפנימיותם ובעבודתם זיינען זיי (בכללות) איין ענין און המשך — „האבות הן הן המרכבה"[50]; אָבער מ'דאַרף נאָך פאַרשטיין בפשטות הענינים ע"פ נגלה.

ה. ויש לומר דער ביאור אין דעם:

נישואי יצחק ורבקה — די ערשטע (הכנה לנישואין און) נישואין וואָס שטייט אין תורה — איז ניט בלויז נישואין פרטיים צווישן צוויי יחידים (יצחק און רבקה), נאָר אַן ענין הכי כללי: די ערשטע נישואין באַ דעם אידישן פאָלק (לאחרי קיום מצות מילה)[51], און נאָכמער: דורך די נישואין איז געוואָרן („תולדות" —) דער המשך ביז פון כלל ישראל. דאָס הייסט, אַז נוסף צו די נישואין פרטיים צווישן יצחק ורבקה, באַדייט דאָס אויך די נישואין פון כלל ישראל[52] (דאָס האָט געבראַכט תולדות און געגעבן די אפשריות אויף המשך קיום עם ישראל, עד סוף כל הדורות).

ויש לומר אַז דערפאַר האָט אברהם אויף דעם אָפּגעגעבן „כל אשר לו" צו יצחק בנו, ווייל דאָס איז ניט נאָר אַ פרטיות'דיקע חתונה צווישן יצחק ורבקה, נאָר אַ נישואין פון כלל ישראל.

42) רמב"ם סוף הל' ערכין וחרמים. וראה הל' דעות פ"ה הי"ב. הל' מתנות עניים פ"ז ה"ה. ובכ"מ.

43) בחוקותי כז, כח.

44) ראה משכיל לדוד כאן, שההכרח לפרש"י שנתן לו שטר מתנה — הוא, דאאפ"ל שאברהם „מסר כל אשר לו ביד העבד ונשאר ביתו ריקן".

45) כדאיתא בפדר"א פט"ז (וראה רד"ל שם). משא"כ לשון רש"י הוא „שטר מתנה".

46) משא"כ מה שנאמר בסוף ימי חיי אברהם „ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק" (פרשתנו כה, ה), שהוריש לבנו יצחק „כל אשר לו" (וראה השקו"ט בזה ברמב"ן ובמפרשי רש"י כאן ההוספה ב„ויתן אברהם גו'" לגבי מש"נ כאן „ויתן לו את כל אשר לו" בשטר מתנה. ועפ"פ המבואר לקמן בפנים, יש להוסיף ביאור בההפרש בין ב' הפסוקים, שבפסוק ראשון נתן לו „כל אשר לו" בשטר מתנה בגלל הנישואין של יצחק ורבקה, ובפסוק שני נתן לו „כל אשר לו" בתורת ירושה. ואכ"מ).

47) פרשתנו כה, א ואילך.

48) ר"פ תולדות.

49) ב"מ פז, א. תנחומא תולדות ו. הובא בפרש"י ר"פ תולדות.

50) ב"ר פמ"ז, ו. פפ"ב, ו.

51) ראה ב"ר פ"ס, ה.

52) ראה עד"ז בלקו"ש ח"ל ע' 87.

ובמילא איז דאָס נוגע אויך צו כל ענינו של אברהם עצמו — זייענדיק דער ראש פון כלל ישראל (דער ערשטער איד). און דעריבער האָט ער אין דעם אַריינ־געגעבן כל כחו — „כל אשר לו״. אויב עס וואָלט זיך גערעדט וועגן אברהם ווי ער איז אַלס אַן אב פרטי פון יצחק, דעמולט פּאַסט ניט ער זאָל אָפּגעבן (במתנה) „כל אשר לו״ צוליב חתונת בנו: נאָר אַ טייל (אפילו רוב) גיט ער אים אָפּ און אַ טייל בלייבט פאַר אברהם וכו׳; וויבאַלד אָבער אַז די נישואין איז אַן ענין הכי כללי וואָס נעמט אַרום גאַנץ כלל ישראל — וואָס דאָס איז כל ענינו ומהותו של אברהם (אַלס דער ראש פון כלל ישראל, דער ערשטער איד) — האָט ניט קיין אָרט אַז עס זאָל בלייבן אַ חלק (אפילו אַ פרט הכי קטן) פון אברהם וואָס איז דערפון אָפּגעטיילט ח״ו, דעריבער — נתן לו „כל אשר לו״, ער האָט זיך אינגאַנצן מיט „כל אשר לו״ אָפּגעגעבן (און אַריינגעגעבן) אין דעם[53].

ועוד: די נישואין קומט דוקא בכחו של אברהם (אברהם הוליד את יצחק ומל את יצחק, און דערנאָך — דער שידוך בפועל איז געקומען דורך שלי־חות אליעזר ע״י אברהם). דערפאַר האָט ער אין דעם געדאַרפט אַריינגעבן „כל אשר לו״.

ועפ״ז יומתק לומר, אַז אליעזר איז ניט געווען בגדר שדכן (אַ מציאות ל־עצמו) נאָר בגדר שליח — כמותו דה־משלח (אברהם): כשם ווי עס דאַרף זיין די נתינה פון „כל אשר לו״ אָן קיין פרט מחוץ לזה, אַזוי איז אויך מובן בנוגע צו אליעזר (ובפרט אַז ער איז אויך געווען אַ חלק פון „כל אשר לו״), אַז כל מציאותו (אויך ווי ער גייט מאַכן דעם שידוך ע״פ דעתו) זאָל זיין כמותו דהמשלח, און ס׳איז ניטאָ אין דעם קיין אָרט פאַר אַן אַנדער מציאות (ווי אַ שדכן, וואָס איז אַ מציאות לעצמו און ניט מציאות דהמשלח).

ו. דער ביאור בזה בפנימיות העני־נים:

אין לקוטי תורה בסופו (פ׳ ברכה[54]) איז דער אַלטער רבי מבאר, אַז די נישואי יצחק ורבקה איז אַן ענין הכי כללי בתורה און אין גאַנץ סדר השתל־שלות, וועלכער שפּיגלט אָפּ כללות עבודת האדם — דער יחוד פון מ״ה (יצחק) וב״ן (רבקה), ד.ה. דער יחוד פון נשמה (מ״ה) און גוף (ב״ן) פון יעדן אידן.

53) וע״ד שהוא בצדקה, שההגבלה ש„לא יקדיש אדם ולא יחרים כל נכסיו״, הוא לא ב„מי שצריך לתקן נפשו עדיין, (ד)פשיטא שלא גרעה רפואת הנפש מרפואת הגוף, שאין כסף נחשב (ע״פ ל׳ הכתוב דה״ב ט, כ. ועד״ז במ״א י, כא), וכל אשר לאיש יתן בעד נפשו כתיב״ (איוב ב, ד) (תניא אגה״ק סוס״י. וראה גם אגה״ת פ״ג (צג, א)), שזהו״ע הנוגע לנפשו שלמעלה מ(צדקה שהיא דין ב)ממונו (ראה לקו״ש חכ״ז ע׳ 217 ואילך). ועד״ז י״ל בנוגע לנישואי יצחק ורבקה, שבהיותו ענין כללי הנוגע לכלל ישראל ו(במילא) נוגע בנפשו של אברהם, נתן על זה „כל אשר לו״*.

*) ובנוגע לפרנסתו של אברהם בפועל (לאחרי שנתן ליצחק כל אשר לו) — מובן שניזון מנכסי יצחק (בחיוב כיבוד אב — נזכר בקשר לאברהם אביו ולאביו תרח), או השתדל להשיג עוד נכסים (וראה נחלת יעקב כאן, שזוהי ההוספה בפסוק השני „ויתן אברהם גו׳״ (כנ״ל הערה 46) — מצד „הנכסים שקנה לאחר מכאן״).

54) בסוף ה„ביאור ע״פ (ברכה לג, ד) תורה צוה״ — צו, סע״ג ואילך. וראה גם סה״מ תקס״ג ע׳ לו ואילך. תו״ח פרשתנו קלה, א ואילך. אוה״ת פרשתנו קכז, ב ואילך. סה״מ תר״ס ע׳ ל ואילך.

ביז — די שלימות היחוד והנישואין צווישן אידן (אַלס נשמות בגופים) מיט דעם אויבערשטן, ישראל וקוב״ה כולא חד[55], ווי עס וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה (לאחרי די התחלה בזה, די אירוסין, באַ מתן תורה[56]).

וואָס אין דעם באַשטייט כללות עבו־דת האדם בקיום התומ״צ בעוה״ז הגשמי — דער יחוד פון מ״ה וב״ן: דער חידוש פון מתן תורה באַשטייט אין דעם, וואָס דעמולט איז נתבטל געוואָרן די גזירה וואָס האָט פאַנאַנדערגעטיילט צווישן „עליונים״ און „תחתונים״[57] (רוחניות און גשמיות, מ״ה וב״ן), און דעמאָלט איז געגעבן געוואָרן דעם כח צו פאַרבינדן און פאַראייניקן גשמיות מיט רוחניות, אַז דער גוף הגשמי[58] און אַ דבר גשמי זאָל ווערן קדוש, ביז אַ חפצא של קדושה[59]. ושלימות יחוד זה (פון מ״ה וב״ן), בתכלית השלימות והגילוי, וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה [ואד־רבה: דעמולט וועט זיין „נקבה תסובב גבר״[60], כדלקמן סעיף י].

און דערמיט איז ער מבאר אין לקו״ת פאַרוואָס די תורה איז מאריך וועגן שליחות אליעזר (ביז אַז „פרשה של אליעזר כפולה בתורה״[61]), ווייל „זה הי׳ ענין שליחות דאליעזר לברר ולהמשיך יחוד זה״[62] פון יצחק ורבקה (מ״ה וב״ן), דאָס האָט געבראַכט „להמשיך בחי׳ היחוד ממש שהוא בחי׳ נישואין ופני־מיות״[62].

ובפשטות: רבקה האָט זיך געפונען אין פדן ארם (אין חוץ לארץ) באַ בתואל הארמי און לבן הארמי (כשושנה בין החוחים[63]), בחי׳ ב״ן. און שליחות אליעזר איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער זאָל איר פון דאָרט אַרויסנעמען און ברענגען צו זיין אַן אשה ליצחק (עולה תמימה[64]), בחי׳ מ״ה, באופן אַז „והיו לבשר אחד״[65] (מ״ה וב״ן), זיי זאָלן אויפבויען אַ בית בישראל אין עולם הזה הגשמי, מיט דעם תכלית — צו מוליד זיין „תולדות״ כפשוטן (און אויך „תולדו־תיהם של צדיקים מעשים טובים״[66]), פון וועלכע עס שטאַמען אַלע אידן עד סוף כל הדורות.

ועפ״ז איז מובן, אַז שליחות אליעזר (די ערשטע שליחות הכתובה בתורה) האָט געגעבן דעם כח אויף אויפטאָן די עבודה פון יחוד מ״ה וב״ן בעבודת השם, אָנהויבנדיק באַ מתן תורה, און דערפון — ווערט עס נמשך בכל הזמנים ובכל המקומות, ביז — די שלימות בזה ב־גאולה האמיתית והשלימה.

ויש לומר, אַז די שליחות כללית פון אליעזר איז אויך מרומז אין דעם וואָס ער האָט געזאָגט[67] „עבד אברהם אנכי״: ס׳איז ידוע[68] אַז פון אברהם האָט זיך

55) ראה זח״ג עג, א.

56) כמאחז״ל (שמו״ר ספט״ו) „העולם הזה אירוסין היו . . אבל לימות המשיח יהיו נישואין״.

57) תנחומא וארא טו. שמו״ר פי״ב, ג. ועוד.

58) ראה תניא פמ״ט (סט, סע״ב ואילך) „ובנו בחרת מכל עם ולשון הוא הגוף החומרי כו׳״, והרי „ובנו בחרת״ הי׳ במ״ת (ראה שו״ע אדה״ז או״ח סי׳ ס ס״ד).

59) ראה בארוכה לקו״ש חט״ז ע׳ 212 ואילך. וש״נ.

60) ירמי׳ לא, כא.

61) פרש״י פרשתנו כד, מב, מב״ר פ״ס, ח.

62) ל׳ הלקו״ת שם צו, ד.

63) שה״ש ב, ב. ב״ר פס״ג, ד.

64) שם פס״ד, ג. פרש״י תולדות כה, כו. כו, ב.

65) בראשית ב, כד.

66) פרש״י ר״פ נח. וראה ב״ר פ״ל, ו.

67) פרשתנו כד, לד.

68) ראה לעיל (סה״ש תשנ״ב ח״א) ע׳ 70 ואילך. וש״נ.

אָנגעהויבן די הכנה צו מתן תורה. און דאָס איז דער רמז אין „עבד אברהם אנכי" — אַז זייענדיק „עבד אברהם אנכי", האָט אליעזר דעם כח צו אויפטאָן דעם יחוד מ"ה וב"ן (נישואי יצחק ורבקה) אויך ועיקר אַלס הכנה צו דעם „תעבדון את האלקים על ההר הזה"[69] און דעם גילוי פון „אנכי (ה' אלקיך)"[70] באַ מ"ת.

ז. מ'דאַרף אָבער נאָך הסברה[71]: לויט דעם (אַז די אריכות בתורה איז צוליב דעם וואָס נישואי יצחק ורבקה באַדייט דעם ענין כללי פון יחוד מ"ה וב"ן) האָט די עיקר אריכות געדאַרפט זיין וועגן דעם עצם שידוך פון יצחק ורבקה (וואָס אליעזר האָט אויפגעטאָן), און ניט וועגן שליחותו ופעולתו של אליעזר אַלס הכנה צו דעם יחוד (מ"ה וב"ן); פאַרוואָס איז די תורה אַזוי מאריך וועגן דער שליחות אַליין — ווי אברהם האָט אים משביע געווען און אָנגעזאָגט אַלע פרטים וואו ער זאָל גיין, און ווי אליעזר האָט מקיים געווען שליחותו בפועל?

איז דערפון גופא מובן, אַז שליחותו של אליעזר איז נוגע צו דעם עצם ענין פון דעם יחוד מ"ה וב"ן וואָס ער האָט אויפגעטאָן. ויש לומר איינער פון די ביאורים אין דעם — ועפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם טעם (פנימי) פאַרוואָס אליעזר איז געווען דוקא אַ שליח (און ניט קיין שדכן) — ווייל בכדי אויפטאָן די עבודה והמשכה פון יחוד מ"ה וב"ן, דאַרף אַזוי אויך זיין באַ דעם אדם וואָס טוט דאָס אויף, אַז ער זאָל זיין אַ מציאות בפ"ע (ב"ן), און די מציאות זאָל זיין בטל און פאַראייניקט מיט דעם משלח (מ"ה). וואָס דאָס איז דער ענין פון אַ שליח דוקא[72]:

אַ שליח באַשטייט פון צוויי פאַר־קערטע ענינים: (א) ער דאַרף זיין אַ באַזונדער מציאות פון דעם משלח, אַ בר דעת בפני עצמו[73]. (ב) ער דאַרף זיין בטל צום משלח, מכיר זיין אַז ער איז זיינער אַ שליח, און ניט משנה זיין פון רצון ודעת המשלח. אויב ער איז משנה פון דעת המשלח ווערט ער אויס שליח[74]. ביז אַז ער ווייסט אַז ער גייט מקיים זיין שליחותו בכח זה וואָס דער משלח האָט אים ממנה געווען אַלס שליח, און שלוחו של אדם כמותו, ביז כמותו ממש.

וואָס דאָס איז דער תוכן פון יחוד מ"ה וב"ן: די נשמה (מ"ה) פון אַ אידן איז פאַראייניקט בגלוי מיט דעם אויבערשטן — „נשמה שנתת בי טהורה היא"[75], ביז אַז זי איז אַ „חלק אלוקה ממעל"[76]. די שליחות פון אַ אידן — דורך דעם וואָס דער אויבערשטער האָט אַראָפּגעשיקט זיין נשמה אין אַ גוף הגשמי אין אַ גשמיות'דיקע וועלט (ב"ן), „אתה בראתה אתה יצרתה אתה נפחתה"[75] — איז, אַז ער זאָל אויפטאָן דעם יחוד פון מ"ה וב"ן, פון זיין נשמה מיט זיין גוף הגשמי, אַז אויך ווי די נשמה געפינט זיך אין גוף, וואָס מצ"ע ובגלוי איז עס אַ מציאות ויש בפ"ע (דער ערשטער ענין אין אַ שליח), זאָל

69) שמות ג, יב.

70) יתרו כ, ב. ואתחנן ה, ו.

71) ראה גם סה"ש ה'תש"נ ח"א ע' 130 ואילך.

72) ראה גם סה"ש תשמ"ט ח"א ע' 60־62. סה"ש תש"נ ס"ע 131 ואילך.

73) גיטין כג, א.

74) רמב"ם הל' שלוחין ושותפין פ"א ה"ב ואילך. שו"ע חו"מ סי' קפב ס"ב ואילך.

75) נוסח ברכות השחר. וראה לקו"ת האזינו עא, א ואילך. דרושים ליוהכ"פ סט, א. ובכ"מ.

76) איוב לא, ב. תניא רפ"ב.

אין אים לייכטן דער אור הנשמה און דער גוף זאָל זיין בטל צו דער נשמה (עושים נפשם עיקר וגופם טפל[77]), ביז אַז דער גוף ונשמה זאָלן נתאחד ווערן, דורך דער עבודה פון קיום התומ"צ, וואָס זיי זיינען דוקא בדברים גשמיים, צו ממשיך ומגלה זיין דעם אור הקדושה אין גשמיות העולם, אַזוי אַז אין יעדער ענין וואָס אַ איד טוט זאָל זיך אָנהערן די התאחדות פון זיין נשמה וגוף (מ"ה וב"ן) מיט דעם אויבערשטן, "שלוחו של אדם (העליון[78]) כמותו", ביז "כמותו ממש" (דער צווייטער ענין אין אַ שליח).

און דעריבער איז אליעזר געווען דוקא בגדר שליח צו אויפטאָן נישואי יצחק ורבקה, ווייל ביי אַ שליח איז דאָ די שלימות פון יחוד מ"ה וב"ן, אַז זיין מציאות ווערט כמותו פון דעם משלח (משא"כ אַ שדכן).

ועפ"ז איז אויך מובן פאַרוואָס אבר־הם האָט געגעבן "כל אשר לו" למילוי שליחות זו (נישואי יצחק ורבקה) – ווייל דער יחוד פון מ"ה וב"ן – וואָס שלימותו וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה – נעמט אַרום כל העניניםפון כל סדר השתלשלות וכל התומ"צ וכו', אַזוי אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך חוץ ממנו. דעריבער האָט אברהם פריער פון דעם אָפּגעגעבן "כל אשר לו", ובפרט נאָך אַז דער כח אויף אויפטאָן דעם יחוד מ"ה וב"ן (ווי ס'איז אַרויס בגלוי באַ מ"ת), איז געקומען פון אברהם.

ח. עפ"ז יש לומר אַ ביאור אויף אַ דבר פלא: דער ביאור אין חסידות (אין די ספרי יסוד פון תושבע"פ פון חסידות – תורה אור ולקוטי תורה) בפרשת אליעזר ונישואי יצחק ורבקה קומט ניט במקומו אין תורה אור בפ' חיי שרה, נאָר דוקא אין לקוטי תורה און בסופו, בפ' ברכה [סוף הדרושים אויף חמשה חומשי תורה. און דערנאָך קומען די דרושים פון שיר השירים – אַלס אַן ענין בפ"ע פון חמשה חומשי תורה]!

ויש לומר, אַז אין דעם איז אויך מרו־מז אַז די שליחות פון אליעזר צו אויפטאָן נישואי יצחק ורבקה – יחוד מ"ה וב"ן, ושלימותו בהגאולה – איז די שלימות ותכלית פון כל עניני העבודה, דעריבער ווערט עס נתבאר בסוף וסיום ושלימות פון (תו"א ו)לקו"ת: און דערנאָך קומט מען צו די דרושים פון שיר השירים – וואָס תוכנו איז שלימות הנישואין ויחוד פון אידן (אויך אַלס נשמות בגופים) מיט דעם אויבערשטן, די שלימות פון יחוד מ"ה וב"ן, ווי ס'וועט זיין בגאולה האמיתית והשלימה.

ולהוסיף, אַז בתחלת ספר לקוטי תורה, בפ' ויקרא[79] [וואָס פון דאָרטן הויבן זיך אָן די דרושים אין לקו"ת על סדר פרשיות פון אַ ספר שלם, ספר ויקרא. משא"כ לפני זה זיינען דאָ דרושים אויף נאָר צוויי פרשיות אין ספר שמות: פ' בשלח ופ' פקודי] – ווערט ערקלערט דער ענין פון שליחות למעלה, אַז יעדער איד איז שלוחו של אדם העליון כמותו, וואָס דער אויבער־שטער האָט עם געשיקט זיין נשמה ל־מטה אין אַ גוף בכדי אויספירן איר שליחות בעולם.

ויש לומר, אַז דאָס וואָס דאָס שטייט אין אָנהויבס לקו"ת, איז מרמז אַז דאָס איז די התחלה פון עבודת האדם – די ידיעה אַז ער איז שלוחו של אדם

77) ראה תניא פל"ב.

78) ראה לקו"ת ויקרא א, ג.

79) שם.

העליון; און בסיום הלקו"ת – ווערט ערקלערט די שלימות פון דער עבודה: יחוד מ"ה וב"ן, אַלס הכנה צו די נישואין לע"ל.

ט. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם ענין פון משיח אַלס שליח („שלח נא ביד) תשלח"):

משיח איז דער שליח, דורך וועלכן עס פירט זיך דורך שלימות ענין ה־שליחות – יחוד מ"ה וב"ן [וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בשליחות אליעזר בנישואי יצחק ורבקה] – די שליחות פון דעם אויבערשטן צו ברענגען די גאולה ה־אמיתית והשלימה, ווען עס וועט זיין שלימות היחוד פון נשמה וגוף, ישראל וקוב"ה כולא חד. און אויך בעולם – די שלימות הגילוי פון אלקות אין עוה"ז הגשמי, אַזוי אַז די גאַנצע וועלט ווערט אַ דירה לו יתברך בתחתונים[80].

עפ"ז איז מובן פאַרוואָס משיח אַליין האָט אין זיך (אויך) דעם גדר פון אַ שליח וואָס באַשטייט פון אַ חיבור ויחוד פון צוויי ענינים (יחוד מ"ה וב"ן): אַ מציאות לעצמו כביכול פון אַ נשמה בגוף, אַ בשר ודם [כפס"ד הרמב"ם[81] אַז משיח איז אַ „מלך מבית דוד הוגה ב־תורה ועוסק במצוות כדוד אביו כו'", און „ילחום מלחמות ה'" וואָס דאָס באַ־ווייזט אַז ער געפינט זיך אין אַן עולם וואו עס זיינען דאָ מנגדים און דעריבער דאַרף ער האַלטן מלחמה – וינצח[82]], און צוזאַמען דערמיט – שלוחו של אדם (העליון) כמותו ממש,

80) ראה תנחומא נשא טז. שם בחוקותי ג. במדב"ר פי"ג, ו. תניא רפל"ו.

81) הל' מלכים פי"א ה"ד.

82) כהמשך ל' הרמב"ם שם (בדפוס רומי ואמשטרדם, וכן בכת"י תימן): אם עשה והצליח ונצח כו'.

וואָרום בכדי אויפטאָן דעם יחוד הנשמה וגוף ביי אידן (דורך „יכוף כל ישראל לילך בה ולחזק בדקה"[81]), און יחוד רוחניות וגשמיות בעולם, דאַרף ביי אים אַליין זייןביידע ענינים און ווי זיי ווערן פאַראייניקט.

י. עפ"ז וועט מען פאַרשטיין דעם תוכן פון בקשת משה „שלח נא ביד תשלח": מיט דער בקשה והצעה האָט משה געוואָלט אויפטאָן – און אויפגע־טאָן בפועל – דעם חיבור והתאחדות פון „גואל ראשון" (משה) און „גואל אחרון" (משיח):

משה*[82] מצ"ע איז ענינו (בעיקר) חכמה (תורה), כמ"ש[83] „זכרו תורת משה עבדי", ו„משה קיבל תורה מסיני"[9]. משיח מצ"ע איז ענינו (בעיקר) מלכות – „יעמוד מלך מבית דוד"[81]. ויש לומר אַז דאָס איז ע"ד דער חילוק צווישן מעלת המשפיע (חכמה, ראש הספירות) און מעלת המקבל (מלכות), ע"ד דער אונ־טערשייד צווישן אור השמש (משפיע) און אור הלבנה (מקבל, מלכות, פאַר־בונדן מיט דוד מלכא משיחא[84]):

„משה קיבל תורה מסיני ומסרה כו'", ער האָט מקבל געווען כל התורה, וואָס זי איז דער מקור אויף אַלע השפעות, און פון איר ווערט נמשך דער כח אויף אַלע ענינים, כולל – אויך דער כח אויף דער גאולה (אויף די גאולה העתידה);

*82) בהבא להלן, ראה אוה"ת ויצא קיח, א. סה"מ תרע"ח ע' קמז.

83) מלאכי ג, כב. וראה שבת פט, א. שמו"ר פ"ל, ד. וש"נ.

84) כמודגש בזה שאומרים בנוסח קידוש לבנה „דוד מלך ישראל חי וקיים", ש„נמשל ללבנה" (ר"ה כה, א ובפרש"י), „ועתיד להתחדש כמותה, וכנסת ישראל תחזור להתדבק בבעלה שהוא הקב"ה דוגמת הלבנה המתחדשת עם החמה, כמ"ש (תהלים פד, יא) שמש ומגן ה' כו'" (רמ"א או"ח סתכ"ו ס"ב).

משיח איז ענינו „גואל אחרון״ — וואָס ער קומט בסוף העבודה (מלכות, סוף הספירות) בסוף זמן הגלות, אָבער אין דעם איז דאָ די מעלה פון מקבל, וואָס דורך זיין ביטול איז ער אין זיך כולל אין אַ פנימיות אַלע השפעות מלמעלה, ואדרבה — דער אור המקבל דערגרייכט און נעמט זיך נאָך העכער פון דעם אור המשפיע, ווי ס׳וועט נתגלה ווערן ב־גאולה האמיתית והשלימה אַז „נקבה תסובב גבר״, די מעלה פון דעם גוף פון אידן (לגבי זיין נשמה), וואָס דוקא אין אים איז דאָ דער כח העצמות[85], ביז אַז לע״ל הנשמה ניזונית מן הגוף[86]. און דעריבער וועט דוקא משיח צדקנו ברענגען די גאולה — די גאולה ו־שלימות פון אַלע ענינים, אויך פון משה רבינו.

ויש לומר אַז דורך דעם וואָס משה האָט אויסגעפירט אַז „שלח נא ביד תשלח״, עי״ז וואָס „גואל ראשון הוא גואל אחרון״ (כנ״ל סעיף ב), האָט זיך אויפגעטאָן דעם יחוד פוןביידע ענינים ומעלות — אַז משיח האָט אין זיך ביידע ענינים ומעלות: נוסף צו דעם וואָס ער איז אַ מלך, איז ער (אויך) אַ רב[87] (חכמה), וילמד תורה כל העם כולו[88], און אויך צו משה רבינו און די אבות כו׳[89] [ועד״ז אין משה — האָט ער אויך די מעלה פון מלך[90], „ויהי בישורון מלך״[91]].

ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָס „משיח״ איז בגימטריא „שליח״ בתוספת עשר[92] — ווייל שלימות גילוי המשיח איז דורך דעם וואָס ער פירט אויס עבודתו אַלס שליח מיט אַלע עשר כחות נפשו, פון חכמה ביז מלכות.

יא. ע״פ הידוע אַז יעדער איד האָט אין זיך מבחי׳ משה[93] ומבחי׳ משיח[94] — איז מובן, אַז באַ יעדער איד איז דאָ מעין פון די ביידע ענינים הנ״ל:

יעדער איד איז אַ שליח של הקב״ה „לשמש את קונו״. וכללות שליחותו באַשטייט אין — „להאיר על הארץ״[95], באַלייכטן די גאַנצע וועלט מיט דעם אור הקדושה ואור האלקי. און אין דעם זיינען פאַראַן בכללות צוויי אופנים ע״ד ווי די „שני המאורות הגדולים״, „מאור הגדול״ און „מאור הקטן״[96] [כידוע אַז „את העולם נתן בלבם״[97], אין יעדער איד שפּיגלען זיך אָפּ כל עניני העולם] — זיין עבודה אַלס אַ משפיע (שמש); און זיין עבודה אַלס אַ מקבל (לבנה), וואָס דורך דעם ווערט אויך „להאיר על הארץ״ באור חוזר (ע״ד מתלמידי יותר מכולם[98], וכיו״ב). ויש בזה מה שאין בזה.

---

85) ראה תניא אגה״ק ס״כ (קל, ריש ע״ב). סה״ש תורת שלום ע׳ 120 ואילך.

86) המשך וככה תרל״ז פצ״א־ב. וראה גם סה״ש תו״ש ס״ע 127 ואילך. סה״מ קונטרסים ח״ב תיג, ב. ובכ״מ.

87) ראה סהמ״צ להצ״צ מצות מינוי מלך (דרמ״צ קח, א ואילך). ובכ״מ.

88) ראה רמב״ם הל׳ תשובה ספ״ט. לקו״ת צו יז, א ואילך. ובכ״מ.

89) ראה לקו״ת שם. ובכ״מ.

90) רמב״ם הל׳ ביהב״ח פ״ו הי״א. ועוד (נסמן בלקו״ש חי״ט ע׳ 170 הערה 54).

91) ברכה לג, ה. וכפי׳ חז״ל (מדרש תהלים בתחלתו. שמו״ר פמ״ח, ד. ועוד) שהובא ברמב״ן עה״פ.

92) ראה בארוכה לקו״ש חכ״ט ע׳ 358 ואילך.

93) תניא רפמ״ב.

94) מאור עינים ס״פ פינחס.

95) בראשית א, טו.

96) שם, טז.

97) קהלת ג, יא. וראה לקו״ת במדבר ה, ריש ע״ב.

98) תענית ז, א.

ובפרטיות זיינען דאָס דיביידע ענינים וואָס דאַרפן זיין אין אַ שליח: (א) אַ ביטול צו דעם משלח (ע"ד לבנה), און (ב) אַ מציאות בפ"ע, אַ בר דעת, וואָס קלייבט זיך אַליין פאַנאַנדער מיט זיין אייגענעם שכל ווי ער דאַרף אויספירן שליחותו (ע"ד שמש) – „להאיר על הארץ".

און דערפון וואָס משה ומשיח שטייען בהתאחדות („גואל ראשון הוא גואל אחרון") ווערט מעין זה אויך נמשך כח אין דער עבודה פון אַ אידן, אַז ביי אים זאָלן נתאחד ווערן ביידע ענינים אַלס שליח.

[ויש לומר אַז דאָס איז אויך מרומז אין דעם וואָרט „שמש", וואָס האָט צוויי פירושים: שמש – וואָס באַלייכט (משפיע), „להאיר על הארץ", און „שמש" מלשון שימוש – דער ביטול פון דעם שליח, מצד דעם וואָס „אני נבראתי לשמש את קוני", ביז אַז „אני לא נבראתי אלא לשמש את קוני"[99]].

וע"פ המדובר לעיל, אַז דער כח אויף ענין השליחות בכלל קומט פון דעם ערשטן שליחות שבתורה – די שליחות וואָס אברהם האָט געשיקט אליעזר'ן צו מאַכן דעם שידוך פון יצחק ורבקה, איז אויך מובן, אַז כשם ווי אין דער שליחות הראשונה, האָט אברהם (דער משלח) געגעבן „כל אשר לו", וואָרום דאָס איז נוגע צו מילוי השליחות בשלימותה, אַז אַלע פרטים וענינים זאָלן זיין דורכגענומען מיט דער נקודה כללית פון יחוד מ"ה וב"ן (נישואי יצחק ורבקה), אַזוי אויך בכל שליחות ושליחות פון אַ אידן „לשמש את קונו", באַקומט ער כביכול „כל אשר לו" פון דעם משלח (דער אויבערשטער), ביז דעם כח פון עצמותו ומהותו ית' (וואָס איז כולל „כל אשר לו"), צו אויפטאָן דעם יחוד פון נשמה וגוף פון אַ אידן בעוה"ז הגשמי. און אין אַן אופן, אַז כל הפרטים ופרטי פרטים בעבודתם של ישראל, ווערן דורכגענומען בגלוי מיט דעם איין און איינציקער נקודה און צוועק: דער גילוי פון משיח צדקנו (שלימות ענין השליחות, יחוד מ"ה וב"ן).

יב. אין דעם אַלעם קומט צו נאָכמער בדורנו זה במיוחד – אין וועלכן ס'איז צוגעקומען אַ חידוש אין דעם ענין השליחות, אַז כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו האָט ממנה געווען יעדער אידן פון דעם דור צו זיין זיינער אַ שליח אין הפצת התורה והיהדות און הפצת המעינות חוצה, ביז צו ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה.

און ווי מ'זעט בפועל, אַז איצטער קומט אָן לייכטער מסביר זיין אַ אידן – אפילו אַזאַ וואָס האָט לפני זה בגלוי דערצו קיין שייכות ניט געהאַט – אַז נוסף אויף זיין אייגענער עבודה, האָט ער אויך די אחריות צו זיין אַ „שליח", צו משפיע זיין (פון זיינע מעלות וידיעות כו') אויף אַנדערע, אָנהויבנדיק פון בני ביתו און חבריו וידידיו, און אַלע צו וועמען ער קען דערגרייכן.

און אין דעם קומט צו במיוחד – בנוגע צו די וועלכע האָבן זוכה געווען, אַז פון צווישן עם ישראל גופא, זיינען זיי אויסגעקליבן געוואָרן אַלס שלוחים פון נשיא דורנו, וואָס כל עבודתם בכל המעת־לעת כולו איז געווידמעט צו אויספירן שליחותם אין הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, און ברענגען די גאולה.

99) כ"ה גירסת הש"ס כת"י (אוסף כתבי־היד של תלמוד הבבלי, ירושלים תשכ"ד) במשנה וברייתא סוף קידושין. וכן הובא במלאכת שלמה למשנה שם. וראה גם יל"ש ירמי' רמז רעו.

ועאכו״כ ווען די שלוחים מכל קצוי תבל קלייבן זיך צוזאַמען אין אַ „כינוס השלוחים העולמי״, וואָס כינוס „לצדיקים הנאה להן והנאה לעולם״[100], דאָס ברענגט הנאה אמיתית — הנאה דקדושה — להן און לעולם, אויך מלשון העלם והסתר[101]. ובפרט אַז דאָס איז אַ „כינוס השלוחים העולמי״, שלוחים וואָס געפינען זיך בכל קצוי העולם כולו, און עבודתם באַשטייט פון מבטל זיין דעם העלם והסתר פון עולם און אים איבערמאַכן, ביז אַז ער זאָל ווערן אַ דירה לו יתברך, באופן פון יחוד מ״ה וב״ן, אַלס הכנה צו דער גאולה, כנ״ל.

יג. אין דעם גופא — וואָס איז שייך צו דעם כינוס השלוחים בכל שנה ושנה — קומט צו דער חידוש בשנה זו במיוחד אין דעם קשר פון דער עבודת השליחות מיט „שלח נא ביד תשלח״, די שליחות פון משיח צדקנו:

מ׳האָט גערעדט פריער (סעיף א), אַז כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו האָט מודיע געווען, אַז מ׳האָט שוין פאַרענדיקט אַלע עניני העבודה, און מ׳שטייט שוין גרייט, „עמדו הכן כולכם״, צו מקבל זיין משיח צדקנו.

ווי מ׳זעט דאָס אויך (כמדובר כמ״פ) אין דעם וואָס אין די מאורעות העולם ווערן מקויים כמה סימנים אויף דער גאולה, אָנהויבנדיק פון דעם סימן (אין ילקוט שמעוני[102]) אַז „הגיע זמן גאולתכם״ פון דעם וואָס „מלכיות מתגרות זו בזו״[103], בפרט אין די מדינות הערביים [כולל — וואָס מ׳האָט געזען בימים אלו, אַז אין דער אַזוי־גערופענעם „ועידת השלום״, האָבן זיי מודיע געווען אַז מ׳איז גרייט מוותר זיין אויף כל הענינים צוליב „שלום״ כביכול, ובפועל האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז „לא דובים ולא יער״! ואכ״מ].

און עס איז שוין מקויים געוואָרן דער סימן פון שנה שעברה — ה׳תשנ״א ר״ת הי׳ תהא שנת נפלאות אראנו, און בהוספה בשנה זו — והולך ונמשך — הי׳ תהא שנת נפלאות בה, (און) בתוכה — אַז דאָס (נפלאות) ווערט דער מהות ותוכן ונשמה פון דעם יאָר.

און מ׳זעט בפועל ווי עס איז געוואָרן און עס ווערט דער „ילחום מלחמות ה׳״ וינצח בכמה וכמה ענינים — ודוקא מתוך מלחמה של שלום. און נצחון איז אויך מלשון נצחיות, פאַרבונדן מיט דעם גילוי פון „נצח״: נ׳ — גילוי שער הנו״ן, צ׳ — שנת הצדי״ק (ווי אידן האָבן אָנגערופן דעם יאָר), און ח׳ — דער גילוי פון משיח צדקנו, וואָס איז פאַרבונדן מיט מספר שמונה (שמונה נסיכי אדם[104]).

דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז ווי־באַלד די שלוחים האַלטן שוין פון לאַנג נאָך מילוי התחלת עבודת השליחות ב־הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, און פון לאַנג נאָך אמצע עבודת השליחות, ביז אַז מ׳האָט שוין מסיים געווען די שליחות (כהודעת נשיא דורנו הנ״ל), ואעפ״כ איז די גאולה האמיתית והשלימה נאָך ניט געקומען בפועל ממש — דאַרף מען זאָגן אַז ס׳איז נאָך געבליבן עפּעס צו טאָן וואָס וועט ברענגען די גאולה בפועל.

און דאָס איז: ע״פ הידוע אַז „בכל

100) משנה סנהדרין עא, סע״ב.

101) ראה לקו״ת שלח לז, ד. ובכ״מ.

102) ישעי׳ רמז תצט.

103) מדרש לקח טוב לך לך יד, א. וראה גם ב״ר פמ״ב, ד.

104) סוכה נב, ב.

דור ודור נולד א' מזרע יהודה שהוא ראוי להיות משיח לישראל"[105], „א' הראוי מצדקתו להיות גואל וכשיגיע הזמן יגלה אליו השי"ת וישלחו כו'"[106], וע"פ הודעת כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, דער איינציגער שליח שבדורנו, דער איינציגער משיח שבדורנו, אַז מ'האָט שוין אַלץ פאַרענדיקט – איז פאַרשטאַנדיק אַז ס'הויבט זיך אָן מקויים ווערן דער „שלח נא ביד תשלח", די שליחות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר. און דערפון איז מובן, אַז די איינציקע זאַך וואָס איז איצטער געבליבן אין דער עבודת השליחות, איז: צו מקבל זיין פני משיח צדקנו בפועל ממש, בכדי ער זאָל קענען מקיים זיין שליחותו בפועל און אַרויסנעמען אַלע אידן פון גלות!

און דאָס שטייט נאָכמער בהדגשה אין דעם שבת פ' חיי שרה (ווען עס קומט פאָר דער כינוס השלוחים), וועלכן מ'האָט געלייענט וועגן שליחות אברהם לאליעזר לנישואי יצחק ורבקה, וואָס גיט דעם כח אויף כל עניני השליחות, ובמיוחד – שלימות ענין השליחות פון משיח צדקנו.

און דערצו איז דאָס אויך שבת מברכים ראש חודש כסלו [ובשנה זו – צוויי טעג ראש חודש], דער חודש ה־גאולה, וחודש פון מתן תורה דפנימיות התורה[107], דער חודש השלישי בימי הגשמים [כנגד חודש השלישי בימי הקיץ[108] (חודש סיון) – דער חודש פון מתן תורה הנגלית[107]]. ולהוסיף, אַז גשמים איז אויך פאַרבונדן מיט שליחותו של משיח – מלמטה למעלה (ע"ד לבנה), „ואד יעלה מן הארץ"[109], אַז דוקא „מן הארץ" (ב"ן), אַ נשמה בגוף, ווערט פון חומריות גשמיות און פון גשמיות ווערט אַן „אד" (יסוד האויר, דער איידלסטער יסוד), וואָס איז „יעלה" למעלה מעלה, נאָך העכער פאַר „ורוח אלקים מרחפת על פני המים", „זה רוחו של מלך ה־משיח"[110] – ווייל עס ווערט די תחי' אַלס נשמתו דכ"ק מו"ח אדמו"ר בפועל ממש, אַלס נשמה בגוף (און ניט בלויז ווי ער איז „רוח . . מרחפת על פני המים").

יד. דערפון האָט מען די הוראה בפו־על וואָס מ'דאַרף אַרויסנעמען שטייענ־דיק איצטער באַ דער התחלה ופתיחה פון דעם „כינוס השלוחים העולמי":

לכל לראש – דאַרף מען אַרויסקו־מען מיט אַ הכרזה והודעה צו אַלע שלוחים, אַז די עבודת השליחות איצטער און פון יעדער אידן באַשטייט אין דעם – אַז מ'זאָל מקבל זיין פני משיח צדקנו.

דאָס הייסט: אַלע פרטים אין דער עבודת השליחות פון הפצת התורה והיהדות והפצת המעינות חוצה, דאַרפן זיין דורכגענומען מיט דער נקודה – ווי דאָס פירט צו קבלת משיח צדקנו.

ווי אונטערשטראָכן אין דעם נושא הכינוס – „כל ימי חייך להביא לימות המשיח"[111]: אַלע עניני עבודה (בכל ימי חייך, ובכל יום עצמו – בכל פרטי ושעות היום) דאַרפן זיין דורכגענומען מיט „להביא לימות המשיח", ניט בלויז „לרבות" (ווי עס שטייט בכ"מ), אַז ער

105) פי' הברטנורא למגילת רות.

106) ראה שו"ת חת"ס חו"מ (ח"ו) בסופו (סצ"ח). וראה שד"ח פאת השדה מע' האל"ף כלל ע'. ועוד.

107) ראה לקוטי לוי"צ אגרות ע' רה. ריז.

108) ראה ל"ת להאריז"ל פ' ויצא. ועוד.

109) בראשית ב, ו.

110) בראשית א, ב. ובב"ר פ"ב, ד. פ"ח, א.

111) ברכות פ"א מ"ה.

(דער שליח) שטייט און וואַרט ביז משיח וועט קומען און דעמולט וועט ער אין דעם איינטייל נעמען און דערפון הנאה האָבן וכו', נאָר – "להביא", ער טוט כל התלוי בו צו ברענגען "לימות המשיח" לשון רבים, ניט בלויז די התחלה פון איין טאָג נאָר פון ימות (ל' רבים) – ימות המשיח (און ניט נאָר ווען משיח איז "בחזקת משיח"[81], נאָר אַלע ימות המשיח – אויך די שלימות פון "משיח ודאי"[81] וכו').

ובפשטות מיינט דאָס – אַז פון דעם כינוס השלוחים דאַרף מען קומען און להביא החלטות טובות ווי יעדער שליח דאַרף זיך אַליין צוגרייטן און צוגרייטן אַלע אידן במקומו ובעירו וכו' צו מקבל זיין פני משיח צדקנו, דורך דעם וואָס ער איז מסביר דעם ענין פון משיח כמבואר בתושב"כ ובתושבע"פ באופן המתקבל צו יעדערן לפי שכלו והבנתו, כולל במיוחד – דורך לימוד עניני משיח וגאולה, ובפרט באופן פון חכמה בינה ודעת.

און היות אַז דאָס איז די עבודה פון דעם זמן, איז מובן אַז דאָס איז שייך צו יעדער אידן אָן אויסנאַם כלל.

טו. ויהי רצון, אַז דורך דעם וואָס יעדער שליח וועט ממלא זיין תפקידו בשלימות מיט אַלע זיינע עשר כחות הנפש, און בפרט אַז אַלע שלוחים וועלן זיך "צוזאַמענלייגן" יכנסו אין דעם – וועט מען תיכף ומיד ממש ברענגען (הגילוי ושלימות פון) דעם שליח ה־עיקרי והאמיתי צוזאַמען מיט גילוי עשר כחות שלו – "שלח נא ביד תשלח", דער שליח שבדורנו – כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו – און ווי דאָס איז געווען בדור שלפניו, אַז כ"ק מו"ח אדמו"ר איז נתאחד געוואָרן מיט אביו וואָס ער איז געווען בנו יחידו, אַזוי אַז מ'האָט די שלימות פון אַלע "שבעה קני המנורה", אַלע שבעה דורות.

ועוד ועיקר: וויבאַלד אַז מ'האָט שוין פאַרענדיקט די עבודת השליחות – קומט צוגיין יעדער שליח צו דעם משלח האמיתי, דער אויבערשטער, און איז מודיע: עשיתי את שליחותי, און איצטער איז געקומען די צייט אַז דו כביכול זאָלסט טאָן דיין שליחות [וואָס אויך דער אויבערשטער איז אַ שליח ("מגיד דבריו ליעקב גו'"[112]), און צוזאַ־מען מיט די עשר ספירות – איז עצמות ומהות אַליין כביכול משיח צדקנו]: "שלח נא ביד תשלח"[113] – שיק אונז משיח צדקנו בפועל ממש!

און אפילו אויב עס קען נאָך זיין אַ ספק אַז דער אויבערשטער וויל האַלטן אידן נאָך אַ רגע אין גלות צוליב דעם גודל הנחת רוח והנאה וואָס די עבודה אין גלות פאַרשאַפט אים – שרייט אַ איד: "כל מה שיאמר לך הבעה"ב עשה חוץ מצא"[114], אַלץ וואָס דער בעה"ב זה הקב"ה זאָגט דאַרף מען טאָן "חוץ מצא", צו בלייבן נאָך אַ רגע ח"ו במצב פון "צא" בחוץ פון שולחן אביהם, מען בעט און מען מאָנט כביכול באַ דעם אוי־בערשטן: "שלח נא ביד תשלח" – בשנת ובתחלתה "יד תשלח" און ברענג שוין די גאולה האמיתית והשלימה!

און צוזאַמען מיט שלימות בעבודת השליחות (בסיום לקו"ת פ' ברכה) האָט מען גלייך די שלימות הנישואין – שיר השירים – פון ישראל וקוב"ה [ובפרט דורך דעם וואָס מ'נעמט אָן אויך די

112) תהלים קמז, יט. וראה שמו"ר פ"ל, ט.

113) להעיר מהשייכות לשנה זו – ד"שלח נא ביד תשלח" הוא ר"ת תשנ"ב.

114) פסחים פו, ב.

החלטה טובה צו לערנען גאַנץ ספר תורה אור ולקוטי תורה כל חלקיהם עד סיומם. וואָס דורך לימוד התורה ב־ענינים אלו, איז דאָס נאָכמער ממהר די המשכה בפועל],

ביז באופן אַז נקבה תסובב גבר, דער אויבערשטער אַליין כביכול דאַנקט אָפּ אידן, יעדער איד און אַלע אידן, פאַר זייער עבודה (אפילו אויב דאָס איז ניט געווען בתכלית השלימות),

און ער פירט אַלע אידן אין ארץ הקודש, ירושלים עיר הקודש, להר הקודש, לבית המקדש השלישי, ועוד והוא העיקר — תיכף ומיד ממש.

**לזכות**

השלוחים של נשיא דורנו

**כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שיל"ו**

להצלחה רבה בשליחותם –<br>להכין את עצמם ואת כל העולם כולו<br>לקבלת פני משיח צדקנו בפועל ממש<br>בהתגלותו המיידית תיכף ומיד ממש נאו

**יחי אדוננו מורנו ורבנו מלך המשיח לעולם ועד**

**לע"נ**

מרת **רחל** בת **יעקב** ע"ה

אשת הרב משה דובער סילמאן
רב במיניסאטא, ארה"ב

הרבה מצאצאיהם הם שלוחי
רבינו מלך המשיח שליט"א

נפטרה י"ג מרחשון תש"פ

---

To sponsor a Booklet: weeklydvarmalchus770@gmail.com :לתרומות והקדשות